**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19**

***גאווערנער ערמוטיגט ניו יארקער צו פארזעצן צו נוצן די כלים צו באשיצן פון און באהאנדלען קאוויד-19: וואקסינען, בוסטערס, טעסטינג און באהאנדלונג***

***30 טויטפעלער באריכטעט נעכטן איבערן סטעיט***

גאווערנאר·קעיטי·האקול האט היינט איבערגעגעבן פאר ניו יארקער די לעצטע נייעס איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19 און האט פארגעשריבן פשוט'ע שריט וואס זיי קענען נעמען זיך צו באשיצן קעגן די פארשפרייטונג פון ווייראל רעספירעטארי אנצינדונגען וואס ווערן מער באקאנט אין די ווינטער סעזאן.

"איך מוטיג אלע ניו יארקער צו בלייבן וואכזאם און פארזעצן צו אויסנוצן די כלים וואס מיר האבן צו האלטן זיך אליין, זייערע באליבטע און זייערע קאמיוניטיס זיכער און געזונט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מאכט זיכער צו בלייבן צייטליך מיט די וואקסין דאזעס און זיך צו טעסטן בעפארן גיין צו פארזאמלונגען אדער אויף רייזעס. אויב איר טעסט פאזיטיוו, רעדט מיט אייער דאקטאר איבער פאטענציעלע באהאנדלונג אפציעס."

גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו אונטערנעמען די באקאנטע פארמיידונג מאסנאמען – ווי בלייבן צייטליך מיט וואקסינען און היטן אויף ריינקייט – זיך צו באשיצן פון די רעספירעטאָרי סינסישעל ווירוס (Respiratory Syncytial Virus, RSV), די פלו און קאוויד-19 און צו פארמינערן די לאסט פון פאציענטן אויף לאקאלע שפיטעלער. די גאווערנער האט ווידערהאלט די וויכטיגקייט פון די יסודות'דיגע מאסנאמען ווען זי האט איבערגעגעבן א באריכט פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס ווינטער גרייטקייט באמיאונגען פארגאנגענעם חודש.

לעצטע וואך האט די סטעיט העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH) אנאנסירט אז דער XBB.1.5. וואריאנט איז יעצט די מערסט פארשפרייטע סארט פון דעם ווירוס אין ניו יארק, זייענדיג פאראנטווארטליך פאר מער פון 50 פראצענט פון קאוויד-19 אינפעקציעס איבערן סטעיט. קומענדיג אין א צייט ווען די צאלן פון קאוויד-19 און פלו פעלער בלייבן הויך, ווייזן די ערשטע ציפערן וואס קומען ארויס אז XBB.1.5. פארשפרייט זיך גרינגער פון אנדערע וואריאנטן וואס דרייען זיך ארום, עס זענען אבער דערווייל נישטא קלארע באווייזן פון באדייטנדע ענדערונגען צו די ערנסטקייט פון די קראנקהייט וואס עס פאראורזאכט.

די סטעיט העלט דעפארטמענט'ס וועכנטליכע פלו נאכפאלגונג באריכט ווייזט אז אינפלוענזא בלייבט שטארק פארשפרייט איבערן סטעיט פאר די דרייצנסטע וואך אין א ציה, מיט א סך הכל פון 293,541

פאזיטיווע פעלער אריבער אלע 62 קאונטיס באריכטעט ביז היינט. די באריכט האט געפונען אז די צאל פעסטגעשטעלטע פעלער איבערן סטעיט איז געפאלן מיט 36 פראצענט, אין די צייט וואס אלגעמיינע האספיטאליזאציעס זענען געפאלן מיט 34 פראצענט פון די פאריגע וואך וואס האט זיך געענדיגט אום יאנואר 7 מיט 1,621 האספיטאליזאציעס אריבער די סטעיט.

אזוי אויך זענען געווען 37 אויסברוכן אין אקיוט קעיר און לאנג-טערמיניגע קעיר פאסיליטיס, האט די באריכט באשטימט. עס זענען נישט געווען נאך טויטפעלער צווישן קינדער, לאזנדיג די סך הכל איבערן סטעיט ביי זעקס.

מיט דעם פלו סעזאן אנגייענדיג און אינפעקציעס בלייבנדיג ווייטער פארשפרייט, מוטיגט גאווערנער האקול אלע ניו יארקער צו באקומען זייער יערליכער פלו וואקסין. דער פלו ווירוס און דער ווירוס וואס ברענגט קאוויד-19 דרייען זיך ביידע ארום, און דערפאר איז דאס וואקסינירט ווערן קעגן ביידע די בעסטע וועג צו בלייבן געזונט און פארמיידן פון די העלט קעיר סיסטעם צו ווערן איבערגעשטרענגט.

די העלט דעפארטמענט זעצט פאר איר [יערליכע פובליק אויפקלערונג קאמפיין] צו דערמאנען ערוואקסענע און עלטערן צו באקומען סיי די פלו און די קאוויד-19 שאָט פאר זיך אליין און פאר קינדער פון 6 חודשים און עלטער. פאר אינפארמאציע איבער פלו וואקסין קליניקס, [פארבינדט אייך מיט די לאקאלע העלט דעפארטמענט] אדער באזוכט [vaccines.gov/find-vaccines].

גאווערנער האקול זעצט אויך פאר צו מוטיגן ניו יארקער צו באקומען זייערע 'בייוועילענט' קאוויד-19 וואקסין בוסטערס. די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט האט לעצטנס אנאנסירט [נייע אנווייזונגען] פאר 'בייוועילענט' קאוויד-19 בוסטער דאזעס וועלכע זענען יעצט דא צו באקומען פאר בארעכטיגטע קינדער פון אזוי קליין ווי 6 חודשים אלט.

די נייע בוסטערס זענען די ערשטע צו ציהלן צו די אריגינעלע סארט פון דעם ווירוס ווי אויך די לעצטיגע ווריאנטן וועלכע דרייען זיך ארום, און זיי זענען רעקאמענדירט פאר יונגע ניו יארקער און פאר אלע וואס זענען בארעכטיגט. צו מאכן אן אפוינטמענט פאר א בוסטער, זאלן ניו יארקער זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע פארמאסי, קאונטי העלט דעפארטמענט אדער מיט א דאקטער; באזוכן [vaccines.gov]; שיקן א טעקסט מעסעדזש מיט זייער זיפ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע לאקאציעס.

די היינטיגע ציפערן ווערן אונטן איבערגעגעבן אין קורצן:

- **פעלער פער 100,000** - 21.94
- **7-טאגיגע דורכשניט פון פעלער פער 100,000** - 22.03
- **טעסט רעזולטאטן באריכטעט** - 62,582
- **סך הכל פאזיטיוו** - 4,287
- **פראצענט פאזיטיוו** - 6.32%**
- **7-טאגיגע דורכשניט פון פראצענט פאזיטיוו** - 6.75%**
- **פאציענטן האספיטאליזירט** - 3,518 (-170)
- **נייע פאציענטן אין שפיטאל** - 503
- **פאציענטן אין ICU** - 358 (-17)
- **פאציענטן אין ICU מיט אינטובאציע** - 147 (+3)
- **סך הכל פאציענטן באפרייט** - 388,519 (+601)
- **נייע טויטפעלער באריכטעט דורך HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן** - 30

- **סך הכל טויטפעלער באריכטעט דורך HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן** - 60,841

** צוליב די טעסט באריכטונג פאליסי ענדערונג דורך די פעדעראלע דעפּארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס און צוליב אנדערע חשבונות, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

די געזונטהייט עלעקטראנישע אנטווארט ציפערן סיסטעם ( Health Electronic Response Data System, HERDS) איז א מקור פון ציפערן פון די NYS DOH וואס זאמלט ציפערן איבער באשטעטיגטע טעגליכע טויטפעלער, נאר די וואס ווערן באריכטעט דורך שפיטעלער, נוירסינג הײמער און מושב זקנים אנשטאלטן.

**וויכטיגע באמערקונג:** אנגעהויבן פון מאנטאג, אפריל 4, פארלאנגט מער נישט די פעדעראלע דעפּארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס ( Department of Health and Human Services) פון טעסטינג פלעצער וועלכע נוצן קאוויד-19 שנעלע אנטידזשען טעסטס צו באריכטן נעגאטיווע רעזולטאטן. אלס רעזולטאט, וועלן ניו יארק סטעיט׳ס פראצענט פאזיטיווע ציפערן אויסגערעכנט ווערן נאר מיט לאבאראטאריע-באריכטעטע PCR רעזולטאטן. פאזיטיווע אנטידזשען טעסטס וועלן נאכאלץ באריכטעט ווערן צו ניו יארק סטעיט, און די באריכטונג פון נייע טעגליכע פעלער און פעלער פער 100 טויזנט מענטשן וועלן פארזעצן אריינצורעכענען סיי PCR און סיי אנטידזשען טעסטס. צוליב די טויש און צוליב אנדערע חשבונות, אריינרעכענענדיג ענדערונגען אין טעסטינג כללים, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

- **סך הכל טויטפעלער באריכטעט צו און געזאמלט דורך די CDC** - 77,325

די טעגליכע קאוויד-19 טויט סערטיפיקאט ציפערן וועלכע ווערן באריכטעט דורך די NYS DOH און דורך NYC צו די CDC רעכענען אריין די וועלכע שטארבן אין סיי וועלכע ארט, אריינרעכענענדיג שפיטעלער, נוירסינג הײמער, מושב זקנים אנשטאלטן, אינדערהיים, אין האספיס קעיר אדער אין אנדערע פלעצער.

- **סך הכל וואקסין דאזעס געגעבן** - 43,544,732
- **סך הכל וואקסין דאזעס געגעבן אין די לעצטע 24 שעה** - 13,245
- **סך הכל וואקסין דאזעס געגעבן אין די לעצטע 7 טעג** - 90,390
- **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר אלט און עלטער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 85.4%
- **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר און העכער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 90.5%

- **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר אלט און עלטער וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 15.1%

- **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 74.4%

- **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 76.1%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 0 און 4 יאר וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 5.7%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 39.8%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 40.7%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 3.1%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 0 און 4 יאר וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 7.1%
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 0 און 4 יאר וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 7.1%
- **פראצענט פון אלע ניו יארקער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 76.3%
- **פראצענט פון אלע ניו יארקער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 80.6%
- **פראצענט פון אלע ניו יארקער וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 13.0%

יעדע ראיאן'ס 7-טאגיגע דורכשניט פון ווירוס פעלער פער 100,000 מענטשן איז ווי פאלגנד:

| **ראיאן** | **דינסטאג, יאנואר 10, 2023** | **מיטוואך, יאנואר 11, 2023** | **דאנערשטאג, יאנואר 12, 2023** |
|---|---|---|---|
| Capital Region | 17.82 | 15.68 | 15.20 |
| Central New York | 15.92 | 16.14 | 15.77 |
| Finger Lakes | 13.89 | 14.44 | 13.29 |
| Long Island | 31.78 | 29.26 | 26.03 |
| Mid-Hudson | 28.50 | 27.17 | 25.85 |
| Mohawk Valley | 16.81 | 16.90 | 16.72 |
| New York City | 28.22 | 26.83 | 25.44 |
| North Country | 13.50 | 13.88 | 13.30 |
| Southern Tier | 13.34 | 12.25 | 11.64 |
| Western New York | 13.13 | 13.23 | 12.43 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **24.68** | **23.46** | **22.03** |

די 7-טאגיגע דורכשניטליכע פראצענט פון פאזיטיווע טעסט רעזולטאטן פאר יעדע ראיאן באריכטעט איבער די לעצטע דריי טעג איז ווי פאלגנד**:

| **ראיאן** | **דינסטאג, יאנואר 10, 2023** | **מיטוואך, יאנואר 11, 2023** | **דאנערשטאג, יאנואר 12, 2023** |
|---|---|---|---|

| | | | |
|---|---|---|---|
| Capital Region | 8.55% | 7.46% | 7.58% |
| Central New York | 6.76% | 6.65% | 6.88% |
| Finger Lakes | 6.74% | 6.81% | 6.51% |
| Long Island | 8.01% | 7.69% | 7.15% |
| Mid-Hudson | 8.26% | 7.45% | 7.04% |
| Mohawk Valley | 7.68% | 8.17% | 8.13% |
| New York City | 6.97% | 6.76% | 6.29% |
| North Country | 6.60% | 6.81% | 6.73% |
| Southern Tier | 6.62% | 6.60% | 6.26% |
| Western New York | 11.15% | 11.36% | 10.97% |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **7.45%** | **7.16%** | **6.75%** |

** צוליב די טעסט באריכטונג פאליסי ענדערונג דורך די פעדעראלע דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס און צוליב אנדערע חשבונות, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

די 7-טאגיגע דורכשניטליכע פראצענט פון פאזיטיווע טעסט רעזולטאטן אין יעדע באראו פון ניו יארק סיטי באריכטעט איבער די לעצטע דריי טעג איז ווי פאלגנד **:

| באָרא אין NYC | דינסטאג, יאנואר 10, 2023 | מיטוואך, יאנואר 11, 2023 | דאנערשטאג, יאנואר 12, 2023 |
|---|---|---|---|
| Bronx | 8.27% | 8.63% | 8.41% |
| Kings | 5.30% | 4.84% | 4.29% |
| New York | 6.39% | 6.71% | 6.47% |
| Queens | 9.24% | 9.06% | 8.81% |
| Richmond | 7.19% | 6.96% | 6.73% |

** צוליב די טעסט באריכטונג פאליסי ענדערונג דורך די פעדעראלע דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס און צוליב אנדערע חשבונות, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

נעכטן האבן 4,287 ניו יארקער געטעסט פאזיטיוו פאר קאוויד-19 אין ניו יארק סטעיט, ברענגנדיג די סך הכל פעלער צו 6,503,602. די געאגראפישע צוטיילונג איז ווי פאלגנד:

| קאונטי | סך הכל פאזיטיוו | נייע פאזיטיוו |
|---|---|---|
| Albany | 77,478 | 56 |
| Allegany | 10,659 | 9 |
| Broome | | 43 |

| | | |
|---|---|---|
| | 57,765 | |
| 9 | 19,009 | Cattaraugus |
| 14 | 20,074 | Cayuga |
| 23 | 28,970 | Chautauqua |
| 8 | 26,323 | Chemung |
| 2 | 11,672 | Chenango |
| 17 | 22,143 | Clinton |
| 8 | 13,542 | Columbia |
| 4 | 13,114 | Cortland |
| 9 | 9,975 | Delaware |
| 68 | 83,306 | Dutchess |
| 130 | 264,826 | Erie |
| 2 | 7,532 | Essex |
| 2 | 11,914 | Franklin |
| 11 | 16,342 | Fulton |
| 7 | 16,368 | Genesee |
| 9 | 10,766 | Greene |
| - | 1,087 | Hamilton |
| 12 | 17,167 | Herkimer |
| 25 | 26,510 | Jefferson |
| 3 | 7,231 | Lewis |
| 11 | 14,191 | Livingston |
| 9 | 16,556 | Madison |
| 104 | 189,067 | Monroe |

| | | |
|---|---|---|
| 17 | 14,828 | Montgomery |
| 290 | 541,613 | Nassau |
| 35 | 58,685 | Niagara |
| 2,164 | 3,036,846 | NYC |
| 49 | 67,984 | Oneida |
| 100 | 140,463 | Onondaga |
| 19 | 25,759 | Ontario |
| 122 | 137,358 | Orange |
| 5 | 10,370 | Orleans |
| 16 | 34,007 | Oswego |
| 11 | 13,067 | Otsego |
| 19 | 31,066 | Putnam |
| 15 | 41,099 | Rensselaer |
| 92 | 117,153 | Rockland |
| 33 | 60,575 | Saratoga |
| 24 | 42,930 | Schenectady |
| 6 | 6,498 | Schoharie |
| - | 4,293 | Schuyler |
| 2 | 7,544 | Seneca |
| 7 | 25,927 | St. Lawrence |
| 17 | 25,030 | Steuben |
| 267 | 560,726 | Suffolk |
| 27 | 24,165 | Sullivan |
| 4 | | Tioga |

| | | |
|---|---|---|
| | 13,874 | |
| Tompkins | 26,122 | 8 |
| Ulster | 42,282 | 60 |
| Warren | 18,613 | 14 |
| Washington | 15,501 | 9 |
| Wayne | 21,590 | 9 |
| Westchester | 329,839 | 243 |
| Wyoming | 9,819 | 2 |
| Yates | 4,389 | 6 |

פאלגנד זענען די ציפערן וועלכע ווייזן וויפיל האספיטאליזירטע מענטשן וועלכע האבן געטעסט פאזיטיוו פאר קאוויד-19 זענען האספיטאליזירט געווארן צוליב קאוויד-19/קאוויד-19 קאמפליקאציעס און וויפיל זענען האספיטאליזירט געווארן פאר פראבלעמען נישט פארבינדן צו קאוויד-19:

| ראיאן | קאוויד-19 פאציענטן יעצט האספיטאליזירט | האספיטאליזירט צוליב קאוויד אדער קאמפליקאציעס פון קאוויד | פראצענט האספיטאליזירט צוליב קאוויד אדער קאמפליקאציעס פון קאוויד | האספיטאליזירט ווען קאוויד איז נישט אריינגערעכנט געווארן אלץ איינע פון די סיבות פאר האספיטאליזאציע | פראצענט האספיטאליזירט ווען קאוויד איז נישט אריינגערעכנט געווארן אלץ איינע פון די סיבות פאר האספיטאליזאציע |
|---|---|---|---|---|---|
| Capital Region | 160 | 88 | 55.0% | 72 | 45.0% |
| Central New York | 112 | 62 | 55.4% | 50 | 44.6% |
| Finger Lakes | 283 | 78 | 27.6% | 205 | 72.4% |
| Long Island | 695 | 312 | 44.9% | 383 | 55.1% |
| Mid-Hudson | 451 | 199 | 44.1% | 252 | 55.9% |
| Mohawk Valley | 47 | 20 | 42.6% | 27 | 57.4% |
| New York City | 1,473 | 606 | 41.1% | 867 | 58.9% |
| North Country | 48 | 34 | 70.8% | 14 | 29.2% |

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| Southern Tier | 72 | 22 | 30.6% | 50 | 69.4% |
| Western New York | 177 | 63 | 35.6% | 114 | 64.4% |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **3,518** | **1,484** | **42.2%** | **2,034** | **57.8%** |

דער אָמיקראָן וואריאנט פארטרעט איצט איבער 95 פראצענט פון די ווירוסען וואס פארשפרייטן זיך. פאר מער אינפארמאציע איבער וואריאנט נאכשפירן, ביטע באזוכט דא: קאוויד-19 וואריאנט ציפערן | העלט דעפארטמענט (ny.gov).

נעכטן זענען 30 נייע טויטפעלער צוליב קאוויד-19 באריכטעט געווארן, ברענגענדיג דעם סך הכל צו 60,841. א געאגראפישע דורכשניט איז ווי פאלגנד, לויט קאונטי פון וואוינען:

| **קאונטי** | **נייע טויטפעלער** |
|---|---|
| Albany | 1 |
| Bronx | 1 |
| Cattaraugus | 1 |
| Erie | 2 |
| Fulton | 1 |
| Jefferson | 1 |
| Kings | 4 |
| Montgomery | 1 |
| Nassau | 2 |
| New York | 1 |
| Otsego | 1 |
| Putnam | 1 |
| Queens | 2 |
| Rensselaer | 1 |
| Saratoga | 2 |
| Schenectady | 1 |
| Seneca | 1 |
| Suffolk | 5 |
| Westchester | 1 |
| **אלעס צוזאמען** | **30** |

ניו יארקער וואס זוכן צו באשטעלן א וואקסין אפוינטמענט פאר קינדער פון 5 ביז 11, ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט זייער קינד׳ס פעדיאַטרישען, פאמיליע דאקטער, קאונטי העלט דעפארטמענטס, פעדעראלע קוואליפיצירטע העלט צענטערס, שטעטלשע העלט צענטערס אדער אן אפטייק וועלכע טוט מעגליך אדמיניסטרירן דעם וואקסין פאר דעם יארגאנג גרופע. עלטערן און גאַרדיענס קענען באזוכן vaccines.gov, טעקסטן זייער זיפּ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן

דערנעבנדע וואקסינאציע פלעצער. מאכט זיכער אז די וואקסינאציע פלאץ שטעלט צו די פייזער-בייאָונטעק קאוויד-19 וואקסין, וויבאלד די אנדערע קאוויד-19 וואקסינען זענען יעצט נאכנישט אויטאריזירט פאר קינדער אין די עלטער.

באזוכט אונזער וועבזייטל פאר עלטערן און גאַרדיענס מיט נייע אינפארמאציע, אפט געפרעגטע פראגן און ענטפערס און מיט נאך מיטלען ספעציעל געמאכט פאר עלטערן און גאַרדיענס פון קינדער אין די עלטער.

די צאל ניו יארקער וועלכע זענען וואקסינירט געווארן און באקומען די בוּסטער, אויסגערעכנט לויט די ראיאן, איז ווי פאלגנד:

| | ראיאנישע וואקסינאציע ציפערן לויט לאקאציע פון פראָוויידער | |
|---|---|---|
| | פולשטנדיק וואקסינירטע מענטשן | מענטשן וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס |
| ראיאן | אלעס צוזאמען סך הכל | אלעס צוזאמען סך הכל |
| קאפיטאל ראיאן | 909,543 | 213,585 |
| Central New York | 616,050 | 139,630 |
| Finger Lakes | 831,815 | 225,540 |
| Long Island | 2,021,206 | 352,230 |
| Mid-Hudson | 1,573,344 | 318,238 |
| Mohawk Valley | 311,517 | 64,988 |
| New York City | 7,454,558 | 909,402 |
| North Country | 284,688 | 59,931 |
| Southern Tier | 419,597 | 99,992 |
| Western New York | 910,171 | 213,654 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **15,332,489** | **2,597,190** |

| | בוּסטער/נאך שאָטס | |
|---|---|---|
| ראיאן | אלעס צוזאמען סך הכל | וואוקס אין די לעצטע 7 טעג |
| Capital Region | 809,728 | 3,854 |
| Central New York | 538,984 | 3,184 |
| Finger Lakes | 854,050 | 4,520 |
| Long Island | 1,833,362 | 9,509 |

| | | |
|---|---|---|
| Mid-Hudson | 1,493,886 | 8,269 |
| Mohawk Valley | 275,402 | 1,357 |
| New York City | 4,742,301 | 31,070 |
| North Country | 250,139 | 1,120 |
| Southern Tier | 384,585 | 2,175 |
| Western New York | 877,894 | 4,144 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **12,060,331** | **69,202** |

די קאוויד-19 וואקסין נאכפאלגונג דעשבאורד ווערט פארעפענטליכט כדי צו אינפארמירן ניו יארקער איבער די פארטיילונג פון די קאוויד-19 וואקסין. די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט פאדערט אז וואקסינאציע פלעצער זאלן באריכטן אלע קאוויד-19 וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע אין פארלויף פון 24 שעה; די דעשבאורד ווערט טעגליך דערפרישט מיט די לעצטע וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע וועגן די סטעיט'ס וואקסינאציע באמיאונגען. ציפערן באריכטעט דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט פון די NYSIIS און CIR זענען עטוואס אנדערש פון ציפערן באריכטעט צו די פעדעראלע רעגירונג — וואס רעכנט אריין דאזעס געגעבן דורך די פעדעראלע רעגירונג און אנדערע קליינע אונטערשיידן. ביידע ציפערן זענען אריינגערעכנט אין דעם אויבערשטער אויסגאבע.

די באריכטעטע וואקסינאציע ציפערן וועלכע זענען היינט פארעפנטליכט געווארן רעכענען אויך אריין די צאל פון ניו יארקער וועלכע זענען "צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס". מענטשן וועלכע זענען "צייטליך" זענען די וועלכע האבן באקומען אלע קאוויד-19 וואקסינאציעס, אריינרעכענענדיג די נייע 'ביוועילענט' בוסטער, לויט זייער עלטער און לויט קלינישע רעקאמענדאציעס (זעהט די CDC'ס קאוויד-19 וואקסינאציע סקעדזשולס אין קורצן).

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן